# גליון היכל הקודש

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
נתייסדה ע"י כ"ק מרן מוהרא"ש זי"ע

**זמנים (NYC)**
הדלקת הנרות........................6:58
מוצאי שב"ק........................8:28

**שיעורים כסדרן**
נ"ך........................ישעיה נ"ד-נ"ה
בבלי........................קידושין כ"ז
ירושלמי....................מעשרות כ"ו
תוספתא......................נדה ב'
רמב"ם......................עירובין ב'

פרשת נצבים וילך, כ"ז אלול, אבות פרק ה'-ו', שנת תשפ"ג לפ"ק
שנה 12, גליון 50 (620)


## אַ וָוארְט אוֹיף דִי פַּרְשָׁה

אַתֶּם נִצָּבִים הַיּוֹם כֻּלְּכֶם לִפְנֵי ה' אֱלֹקֵיכֶם, רָאשֵׁיכֶם שִׁבְטֵיכֶם זִקְנֵיכֶם וְשֹׁטְרֵיכֶם כֹּל אִישׁ יִשְׂרָאֵל. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן רי"א) אַז מְ'קֶען נִישְׁט זוֹכֶה זַיין צוּ רֵיינֶע מַחְשָׁבוֹת, צוּ אַ קְלָארֶע מֹחַ, נָאר דוּרְכְ'ן זַיין מְקוּשָּׁר צוּ צַדִּיקִים, אוּן מִיט דֶעם וָואס מְ'הָאט אַ רֵיינֶעם מֹחַ, מִיט דֶעם אִיז מֶען מַמְתִּיק אַלֶע דִינִים, אוּן דֶערִיבֶּער פָּארְט מֶען אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה צוּ צַדִּיקִים, וַוייל רֹאשׁ הַשָּׁנָה שְׁרַייבְּט מֶען דָאךְ אָפּ אַלֶע דִינִים פַאר'ן גַאנְצְן יָאר, אוּן אַז מְ'אִיז רֹאשׁ הַשָּׁנָה בַּיי אַ צַדִּיק, בַּאקוּמְט מֶען אַ רֵיינֶע מַחְשָׁבָה, אוּן אַזוֹי אִיז מֶען מַמְתִּיק דִי דִינִים פַאר'ן גַאנְצְן יָאר. וֶוען מְ'אִיז זוֹכֶה צוּ זַיין רֹאשׁ הַשָּׁנָה בַּיי אַ צַדִּיק, קוּמֶען זִיךְ דַאן צוּזַאם דִי דְרֵיי "רָאשִׁים", יֶעדֶער קוּמְט מִיט זַיין "רֹאשׁ", מִיט זַיין קָאפּ, צוּם צַדִּיק וָואס עֶר אִיז דֶער "רֹאשׁ בְּנֵי יִשְׂרָאֵל", אוּם "רֹאשׁ הַשָּׁנָה".

וָואס מֵיינְט אַ רֵיינֶע מֹחַ? וֶוען מְ'אִיז זוֹכֶה צוּ טְרַאכְטְן שְׁטֶענְדִיג נָאר פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מְ'הָאט אַ קְלָארֶע אֱמוּנָה אַז סְ'אִיז גָארְנִישְׁט דָא אוֹיף דֶער וֶועלְט אוֹיסֶער דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, יֶעדֶע קְלֵיינֶע אוּן גְרוֹיסֶע זַאךְ וֶוערְט נָאר גֶעפִירְט דוּרְכְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֵיין, אוּן אַלֶעס אִיז נָאר פַאר דִי טוֹבָה פוּנֶעם מֶענְטְשׁ, וֶוען אַ אִיד הָאט אַזַא קְלָארֶע אוּן רֵיינֶע אֱמוּנָה, דַאן וֶוערְט עֶר גֶערַאטֶעוֶועט פוּן אַלֶע דִינִים, עֶר שְׁפִּירְט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז אַלְץ מִיט אִים, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער בַּאגְלֵייט אִים אוּן הֶעלְפְּט אִים אוֹיף טְרִיט אוּן שְׁרִיט, אוּן מִיט דֶעם קֶענֶען עֶר אִיבֶּערְקוּמֶען אַלֶע שְׁוֶועריְקַייטְן וָואס עֶר זָאל נָאר הָאבְּן. וֶוען אַ מֶענְטְשׁ פַארְגֶעסְט אָבֶּער פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן חַס וְשָׁלוֹם, דַאן הוֹיבְּט זִיךְ אָן אַלֶע שְׁוֶוערֶע דִינִים, דֶער מֶענְטְשׁ מוּטְשֶׁעט זִיךְ מִיט אַזוֹיפִיל צָרוֹת אוּן פְּרָאבְּלֶעמֶען, אוּן עֶר הָאט נִישְׁט קַיין וֶועג זִיךְ צוּ בַּארוּאִיגְן, עֶר וֶוערְט פַארְבְּרֶענְט פוּן דִי אַלֶע צָרוֹת וָואס עֶר מַאכְט מִיט אוֹיף דֶער וֶועלְט.

וֶוען אַ אִיד גֵייט צוּ אַ צַדִּיק, אוּן דֶער צַדִּיק לֶערְנְט אִים אוֹיס אֱמוּנָה, עֶר בַּאקְט אִין אִים אַרַיין אַז אַלֶעס וָואס גֵייט אוֹיף אִים אַרִיבֶּער זָאל עֶר זִיךְ אוֹיסְרֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, יֶעדֶע זַאךְ וָואס עֶר דַארְף זָאל עֶר בֶּעטְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף זַיין מַאמֶע לָשׁוֹן, דַאן וֶוערְט צוּבִּיסְלֶעךְ אוֹיסְגֶערֵיינִיגְט זַיין מֹחַ אוּן מַחְשָׁבָה, בִּיז עֶר הוֹיבְּט אָן מַמָּשׁ צוּ שְׁפִּירְן אוּן זֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר דִי אוֹיגְן, אוּן אַלֶע דִינִים אוּן גְבוּרוֹת וֶוערְן אִיבֶּערְגֶעדְרֵייט צוּ גְרוֹיסֶע רַחֲמִים וַחֲסָדִים. אוּן דִי בֶּעסְטֶע צַייט וָואס אִיז מְסוּגָּל פַאר דֶעם אִיז אוּם רֹאשׁ הַשָּׁנָה, דֶעמָאלְט שְׁרֵייעֶט מֶען "הַמֶּלֶךְ", מֶען אִיז מַמְלִיךְ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף זִיךְ אוּן אוֹיף דִי גַאנְצֶע וֶועלְט, אוּן אַז אַ אִיד אִיז זוֹכֶה אוּם רֹאשׁ הַשָּׁנָה זִיךְ גוּט אַרַיינְצוּנֶעמֶען אִין קָאפּ אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דֶער מֶלֶךְ, עֶר פִירְט אַלֶעס אוּן נָאר צוּ אִים קֶען מֶען זִיךְ וֶוענְדְן, וֶועט עֶר שׁוֹין דִי גַאנְצֶע יָאר אוֹיךְ טְרַאכְטְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן הָאבְּן אַ גֶעשְׁמַאקֶע לֶעבְּן.

דָאס אִיז דִי גְרוֹיסְקֵייט פוּן קוּמֶען צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן קַיין אוּמַאן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן ת"ו) אַז אֲפִילוּ דִי מֶענְטְשְׁן וֶועמֶען עֶר קֶען נִישְׁט הֶעלְפְן אַ גַאנְץ יָאר, קֶען עֶר אָבֶּער יָא הֶעלְפְן אוּם רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אוּן דֶער עִיקָּר מִיט וָואס דֶער רֶבִּי הֶעלְפְט אוּנְז, אִיז מִיט דֶעם וָואס עֶר לֶערְנְט אוּנְז אוֹיס צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט תְּמִימוּת, אַזוֹי וִוי מְ'וָואלְט זִיךְ אוֹיסְגֶערֶעדְט צוּ אַ טַאטֶע אָדֶער אַ גוּטֶער פְרַיינְט, אוּן מִיט דֶעם בַּאקוּמֶען מִיר אַ רֵיינֶעם מֹחַ אוּן אַלֶע דִינִים וֶוערְן נִמְתָּק.

דָאס אִיז מְרוּמָז אִין פָּסוּק אַתֶּם נִצָּבִים הַיּוֹם כֻּלְּכֶם לִפְנֵי ה' אֱלֹקֵיכֶם, שְׁטֵייט אִין זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ (בֹּא ל"ב:) אַז דָאס גֵייט אַרוֹיף אוֹיפְ'ן טָאג פוּן רֹאשׁ הַשָּׁנָה, וָואס דֶעמָאלְט שְׁטֵייט יֶעדֶער פַאר'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דַן יֶעדְן מֶענְטְשׁ בַּאזוּנְדֶער, אוּן אַז מֶען אִיז זוֹכֶה דֶעמָאלְט צוּ רָאשֵׁיכֶם, אַז עֶס קוּמֶען זִיךְ צוּזַאם דִי דְרֵיי "רָאשִׁים", מֶען אִיז זוֹכֶה צוּ בְּרֶענְגֶען דֶעם קָאפּ צוּם צַדִּיק אוּם רֹאשׁ הַשָּׁנָה, דַאן אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ דֶעם וָואס דֶער פָּסוּק זָאגְט וַוייטֶער, לְעָבְרְךָ בִּבְרִית ה' אֱלֹקֶיךָ וְגוֹ' לְמַעַן הָקִים אֹתְךָ הַיּוֹם לוֹ לְעָם וְגוֹ', מֶען אִיז זוֹכֶה צוּ תִּיקּוּן הַבְּרִית, תִּיקּוּן הַמַּחְשָׁבָה, מְ'הוֹיבְּט אָן טְרַאכְטְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן אַזוֹי אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁטֶע זִיסֶע יָאר.

(תּוֹךְ הַנַּחַל נִצָּבִים וַיֵּלֶךְ תשס"ט)

## מוֹהַרָא"שׁ דֶערְצֵיילְט

### עֶפְּל מִיט הָאנִיג

מִיר שְׁטֵייעֶן יֶעצְט פַאר דֶעם הֵיילִיגְן פָארְכְטִיגְן טָאג פוּן רֹאשׁ הַשָּׁנָה. אוּם רֹאשׁ הַשָּׁנָה וֶוערְט אָנְגֶעשְׁרִיבְּן פַאר יֶעדְן מֶענְטְשׁ וָואס עֶס וֶועט פַּאסִירְן צוּ אִים דִי גַאנְצֶע יָאר. יֶעדֶע זַאךְ וָואס פַּאסִירְט צוּ אַ מֶענְטְשׁ בְּמֶשֶׁךְ דִי גַאנְצֶע יָאר, אִיז שׁוֹין גֶעוָוארְן אָנְגֶעשְׁרִיבְּן רֹאשׁ הַשָּׁנָה. אוּן דֶערִיבֶּער אִיז רֹאשׁ הַשָּׁנָה דִי רִיכְטִיגֶע צַייט אוֹיסְצוּנוּצְן צוּ בֶּעטְן אַסַאךְ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶס זָאל קוּמֶען אַ גוּטֶע גֶעבֶּענְטְשְׁטֶע יָאר.

לֵיידֶער הֶערְט מֶען אַזוֹיפִיל שְׁרֶעקֶעדִיגֶע טְרַאגֶעדִיעֶס וָואס פַּאסִירְן דֶעם גַאנְצְן יָאר, יֶעדֶער מוּטְשֶׁעט זִיךְ מִיט אַנְדֶערֶע שְׁוֶועריְקַייטְן, קֵיינֶער לֶעקְט נִישְׁט קַיין הָאנִיג אוֹיף דֶער וֶועלְט. וֶוען עֶס קוּמְט רֹאשׁ הַשָּׁנָה דַארְף מֶען דָאס גוּט גֶעדֶענְקֶען, מֶען דַארְף זִיךְ גוּט אַרַיין נֶעמֶען אִין קָאפּ אַז יֶעצְט רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִיז דִי צַייט וֶוען מֶען קֶען דָאס אוֹיסְ'פּוּעֶלְ'ן, אוֹיבּ וֶועט מֶען אוֹיסְנוּצְן דֶעם רֹאשׁ הַשָּׁנָה וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין, מֶען וֶועט בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דָאס יָאר זָאל מֶען זִיךְ שׁוֹין נִישְׁט דַארְפְן אַזוֹי שְׁטַארְק מוּטְשֶׁען, וֶועט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זִיכֶער הֶעלְפְן אַז עֶס וֶועט קוּמֶען אַ גוּטֶע

<<<<<<

## א גוט ווארט

מִיר קוּמֶען שׁוֹין נֶענְטֶער צוּם גְרוֹיסְן יוֹם הַדִין רֹאשׁ הַשָּׁנָה; בַּיי אַחֵינוּ בְּנֵי יִשְׂרָאֵל מֵעֲדוֹת הַמִּזְרָח זָאגְט מֶען שׁוֹין אַ גַאנְצֶע חוֹדֶשׁ סְלִיחוֹת, בַּיי אוּנְז הוֹיבְּט מֶען אָן קוּמֶענְדִיגֶע וָואךְ מוֹצָאֵי שַׁבָּת. יֶעצְט זָאגְן מִיר אַ קְלֵיינֶעם סְלִיחוֹת, לְדָוִד ה' אוֹרִי וְיִשְׁעִי.

אִיךְ הָאף דוּ וֶועסְט צֶעבְּרֶעכְן דַיינֶע מְנִיעוֹת אוּן קוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה. מַאךְ זִיךְ אַ חֶשְׁבּוֹן, דִי אַלֶע מֶענְטְשְׁן פוּן וֶועם דוּ הָאסְט מוֹרָא, קֵיינֶער פוּן זֵיי קֶענֶען דִיךְ נִישְׁט הֶעלְפְן אוּן אוֹיךְ נִישְׁט שְׁלֶעכְטְס טוּן, אִיז וָואס הָאסְטוּ צוּ קוּקְן אוֹיף בֶּערְל, שְׁמֶערְל, חַצְקְל, גְרוֹנָם; טוּ וָואס אִיז גוּט פַאר דַיין נְשָׁמָה, פַאר דַיין עָתִיד, פַאר דַיין נִצְחִיּוּת; כַאפּ דַיין טַלִּית אוּן תְּפִלִּין אוּן קוּם צוּם רֶבִּי'ן זָאל דִיךְ מְתַקֵּן זַיין.

רֶבִּי נָתָן הָאט גֶעזָאגְט: "דַאנְקֶען גָאט אַז נָאךְ רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִיז יוֹם כִּיפּוּר, בֶּעט מֶען זִיךְ אִיבֶּער אוּן מֶען אִיז זִיךְ מוֹחֵל אֵיינֶער דֶעם צְוֵוייטְן".

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה נִצָּבִים וַיֵּלֵךְ תשפ"ג)

## אַ בְּרִיוו פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

# הַנְהָגוֹת פַאר אַ פְּרוֹי אוּם רֹאשׁ הַשָּׁנָה

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ**

יוֹם ד' פַּרְשַׁת כִּי תֵצֵא, י"א אֱלוּל, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶרֶע פְרַאגֶעס. בְּנוֹגֵעַ וואוּ אִיר זָאלְט זַיין רֹאשׁ הַשָּׁנָה וֶוען אֵייעֶר מַאן פָארְט צוּם רֶבִּי'ן קַיין אוּמַאן, עֶנְדֶערְשׁ בַּיי אֵייעֶר מַאמֶע אָדֶער בַּיי אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ? אֵייעֶר מַאמֶע בֶּעט אַייךְ זַייעֶר צוּ קוּמֶען, אִיר ווילְט וִויסְן אוֹיבּ אִיז עֶנְדֶערְשׁ צוּ בְּלַייבְּן מִיט פְרוֹיעֶן נְשׁוֹת אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, דָארְט וֶועט אִיר גֶעדֶענְקֶען פוּן רֶבִּינְ'ס זַאךְ וְכוּ'. אִיךְ רָאט אַייךְ עֶנְדֶערְשׁ זָאלְט אִיר גֵיין צוּ אֵייעֶר מַאמֶע תְּחִיֶ'; דָאס וֶועט זַיין פַאר אַייךְ דִי גְרֶעסְטֶע זְכוּת בַּיים יוֹם הַדִין, דִי מִצְוָה פוּן מְכַבֵּד זַיין אוּן מְחַיֶ' זַיין עֶלְטֶערְן – אִיז הֶעכֶער פוּן אַלֶעס.

אוֹיף אֵייעֶר פְרַאגֶע, ווִי אַזוֹי נוּצְט מֶען אוֹיס דֶעם גְרוֹיסְן טָאג רֹאשׁ הַשָּׁנָה? ווָאס דַארְף מֶען דַאוֶוענֶען? ווֶעלְכֶע שְׁטִיקְלֶעךְ זֶענֶען זַייעֶר ווִיכְטִיג? רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִיז זַייעֶר ווִיכְטִיג צוּ זַיין פָּאזִיטִיוו; מֶען עֶסְט דִי סִימָנִים אַלֶעס נָאר צוּ גֶעדֶענְקֶען אַז עֶס קוּמְט אַ גוּט יָאר, עֶס גֵייט זַיין גוּט, זִיס ווִי הָאנִיג.

דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן כא) פִיר זַאכְן זָאל מֶען אַכְטוּנְג גֶעבְּן רֹאשׁ הַשָּׁנָה: עֶרְשְׁטְנְס, **"שֶׁיַּחֲשֹׁב רַק מַחֲשָׁבוֹת טוֹבוֹת"**, מֶען זָאל טְרַאכְטְן נָאר גוּט, **"שֶׁיֵּיטִיב הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ עִמָּנוּ וְכוּ'"**, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֵייט זִיכֶער הֶעלְפְן. צְוֵוייטְנְס, **"צְרִיכִין לִהְיוֹת שָׂמֵחַ בְּרֹאשׁ הַשָּׁנָה"**, מֶען דַארְף זַיין פְרֵיילִיךְ רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֵייט מַאכְן גְרוֹיסֶע נִיסִים. דְרִיטְנְס, **"גַּם צְרִיכִין לִבְכּוֹת בְּרֹאשׁ הַשָּׁנָה"**, אוֹיךְ דַארְף מֶען וֵויינֶען רֹאשׁ הַשָּׁנָה צוּם בַּאשֶׁעפֶער. פֶערְטְנְס, **"בְּרֹאשׁ הַשָּׁנָה בַּיּוֹם הָרִאשׁוֹן"**, דֶעם עֶרְשְׁטְן טָאג רֹאשׁ הַשָּׁנָה, **"צְרִיכִין לְמַעֵט בְּדִבּוּר מְאֹד מְאֹד"**, זָאל מֶען ווָאס וֵוייניגֶער רֶעדְן; אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ פִירְן זִיךְ אַזוֹי, מֶען רֶעדְט נִישְׁט דֶעם עֶרְשְׁטְן טָאג רֹאשׁ הַשָּׁנָה בִּיז נָאךְ תַּשְׁלִיךְ.

מַאמֶעס פוּן קְלֵיינֶע קִינְדֶער ווָאס זֶענֶען פַארְנוּמֶען מִיט דִי קִינְדֶער – דַארְפְן נִישְׁט דַאוֶוענֶען. אַז מֶען הָאט צַייט, דִי קִינְדֶער שְׁפִּילְן פַאר זִיךְ אַלֵיינְס, אָדֶער אַז עֶס אִיז דָא עֶלְטֶערֶע קִינְדֶער ווָאס קֶענֶען אַכְטוּנְג גֶעבְּן – קֶען מֶען דֶעמָאלְט דַאוֶוענֶען, אוּן אַז נִישְׁט – אִיז מֶען פָּטוּר פוּן דַאוֶוענֶען.

אִיר בֶּעט אַ תְּפִילָה ווָאס צוּ בֶּעטְן רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אַזוֹי וֶועט אִיר זַיין רוּאִיג אַז אִיר הָאט אוֹיסְגֶענוּצְט דֶעם טָאג, דָא הָאט אִיר אַ תְּפִילָה:

**"רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, הַיינְט רֹאשׁ הַשָּׁנָה מִשְׁפָּט מֶען דִי גַאנְצֶע וֶועלְט, אַלֶעס ווָאס גֵייט זַיין דֶעם קוּמֶענְדִיגְן יָאר, אַלֶעס שְׁרַייבְּסְטוּ הַיינְט אָפּ. בְּכֵן בֶּעט אִיךְ דִיר, שְׁרַייבּ מִיר אָפּ אַ גוּטֶע יָאר, אַ זִיסֶע יָאר, אַ גֶעזוּנְטֶע יָאר – פַאר מִיר, פַאר מַיין מַאן אוּן קִינְדֶער, אוּן פַאר אַלֶע אִידְן. גֶעבּ מִיר כֹּחַ צוּ זַיין אַ גוּטֶע ווַייבּ אוּן אַ גוּטֶע מַאמֶע, גֶעבּ מִיר כֹּחַ פַאר מַיינֶע קִינְדֶער, גֶעבּ אוּנְז שֶׁפַע אוּן נַחַת פוּן דִי קִינְדֶער.**

**הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, אִיךְ הָאבּ גֶעשִׁיקְט מַיין מַאן קַיין אוּמַאן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, ווַייל דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי רַבֵּינוּ נַחְמָן בֶּן פֵיגָא הָאט גֶעזָאגְט, וֶוער עֶס גְלֵייבְּט אִין אִים זָאל קוּמֶען צוּ אִים אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה; הֶעלְף מִיר, מַיין מַאן אוּן מַיין גַאנְצֶע מִשְׁפָּחָה מִיר זָאלְן הָאבְּן אַ גוּטֶע יָאר, אַ יָאר פוּן שָׁלוֹם, אַ לֶעבְּן פוּן לִיבְּשַׁאפְט, אַ לֶעבְּן פוּן מְוַותֵּר זַיין אֵיינֶער פַאר'ן צְוֵוייטְן, אַ לֶעבְּן מִיט צַדִיקִים; גֵיין אִין דִי וֶועג פוּן צַדִיקִים, פָאלְגְן אַ צַדִיק.**

**הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, הָאבּ שׁוֹין רַחֲמָנוּת אוֹיף אִידִישֶׁע קִינְדֶער, שִׁיק אוּנְז שׁוֹין מָשִׁיחַ צִדְקֵינוּ זָאל אוּנְז אוֹיסְלֵייזְן אוּן אוּנְז אוֹיפְבּוֹיעֶן דֶעם בֵּית הַמִקְדָּשׁ".**

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה תֵּצֵא תשפ"ב)

<<<<<< מוֹהַרָא"ש דֶערְצֵיילְט

גֶעבֶּענְטְשְׁטֶע יָאר, אוּן מֶען וֶועט נִישְׁט וִויסְן פוּן קַיין צָרוֹת אוּן פְּרָאבְּלֶעמֶען.

וֶוען אַ מֶענְטְשׁ שְׁטֵייט פַאר אַ שְׁוֶוערֶע גֶערִיכְט פְּרָאצֶעס. עֶר וֵוייסְט אַז זַיין גוֹרָל לִיגְט אִין דִי הֶענְט פוּנֶעם רִיכְטֶער. דֶער רִיכְטֶער הָאט דִי מֶעגְלִיכְקֵייט אַרוֹיס צוּ גֶעבְּן אַ הַארְבְּן שׁוּלְד-אוּרְטֵייל, אוּן עֶר קֶען פַארְ'מִשְׁפָּטְ'ן דֶעם מֶענְטְשׁ מִיט גָאר הַארְבֶּע שְׁטְרָאפְן, אָדֶער קֶען דֶער רִיכְטֶער רַחֲמָנוּת הָאבְּן אוֹיפְ'ן מֶענְטְשְׁן אוּן אִים בַּאגַאנַאדִיגְן אוּן אִים אַרוֹיסְלָאזְן אוֹיף דֶער פְרֵיי. ווָאלְט דֶער מֶענְטְשׁ זִיךְ זִיכֶער גֶעווָארְפְן צוּ דִי פִּיס פוּנֶעם רִיכְטֶער אוּן זִיךְ גֶעבֶּעטְן פַאר רַחֲמָנוּת, אַז עֶר זָאל אִים נָאר אוּרְטֵיילְן אוֹיף אַ גוּטֶע אוּן רַחֲמָנוּת'דִיגֶע וֶועג.

זִיכֶער ווָאלְט מֶען אוֹיפְגֶעזוּכְט דֶעם בֶּעסְטְן אַדְוָואקַאט, ווָאס הָאט דֶעם שְׁפְּרַאךְ אוּן עֶר הָאט חֵן אִין דִי אוֹיגְן פוּנֶעם רִיכְטֶער. אוּן מֶען ווָאלְט גֶעבֶּעטְן דֶעם אַדְוָואקַאט אַז עֶר זָאל טוּן דָאס מֶערְסְטֶע ווָאס עֶר קֶען, עֶר זָאל אוֹיס'פּוֹעֶלְ'ן בַּיים רִיכְטֶער אַז עֶר זָאל אַרוֹיסְגֶעבְּן אַ פְּסַק ווָאס זָאל זַיין דָאס בֶּעסְטֶע פַאר'ן מֶענְטְשׁ.

גֶענוֹי דָאס אִיז ווָאס עֶס פַּאסִירְט אוּם רֹאשׁ הַשָּׁנָה. דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז אוּנְזֶער רִיכְטֶער, עֶר מִשְׁפָּט יֶעדְן מֶענְטְשׁ ווָאס עֶס זָאל קוּמֶען אוֹיף אִים, עֶס לִיגְט נָאר אִין זַיינֶע הֶענְט צִי דֶער מֶענְטְשׁ זָאל ח"ו פַארְאוּרְטֵיילְט וֶוערְן צוּ שְׁוֶוערִיקֵייטְן אוּן צָרוֹת אוּן יִסוּרִים, אָדֶער זָאל עֶר גֶע'מִשְׁפָּט וֶוערְן מִיט חֶסֶד אוּן רַחֲמִים, אַז עֶר זָאל הָאבְּן אַ לִיכְטִיגֶע אוּן פְרֵיילִיכֶע יָאר.

דֶערִיבֶּער דַארְפְן מִיר וֵויינֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן זִיךְ בֶּעטְן בַּיי אִים, אַז עֶר זָאל רַחֲמָנוּת הָאבְּן אוֹיף אוּנְז, אוּן זָאל אוּנְז אָנְשְׁרַייבְּן אוּן מִשְׁפָּטְ'ן מִיט רַחֲמָנוּת, נָאר מִיט גוּטֶע זַאכְן פַאר דִי גַאנְצֶע יָאר.

### אַ גוּטֶער אַדְוָואקַאט

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט צוּגֶעזָאגְט אַז וֶוער עֶס וֶועט קוּמֶען צוּ אִים אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, וֶועט עֶר זַיין אַ גוּטֶער אַדְוָואקַאט פַאר דֶעם מֶענְטְשׁ, עֶר וֶועט זִיךְ אָנְשְׁטְרֶענְגֶען אוּן הֶעלְפְן דֶעם מֶענְטְשׁ אַז מֶען זָאל אָנְשְׁרַייבְּן פַאר אִים אַ גוּטֶע גֶעבֶּענְטְשְׁטֶע יָאר. דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט אַז נָאךְ אִין דִי עֶרְשְׁטֶע נַאכְט פוּן רֹאשׁ הַשָּׁנָה, נֶעמְט עֶר מִיט זַיינֶע מֶענְטְשְׁן, עֶר מַאכְט זִיכֶער אַז זַיינֶע מֶענְטְשְׁן זָאלְן נָאר בַּאקוּמֶען אַ גוּטֶע יָאר.

דֶערִיבֶּער דַארְף זִיךְ אַ פְּרוֹי זֵייעֶר פְרֵייעֶן וֶוען אִיר מַאן אִיז זוֹכֶה צוּ פָארְן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה קַיין אוּמַאן, אוּן זִיךְ דָארְט אוֹיסְבֶּעטְן אַלֶעס גוּטְס. ווָאס קֶען דֶען זַיין אַ בֶּעסֶערֶע זַאךְ פוּן דֶעם אַז דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נֶעמְט אוּנְז אוֹיף זַיינֶע פְּלֵייצֶעס, עֶר גֶעבְּט אַכְטוּנְג אוֹיף דִי אַלֶע אִידְן ווָאס קוּמֶען צוּ אִים אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אוּן עֶר זֶעט אַז דִי אִידְן זָאלְן אַהֵיים פָארְן מִיט זֶעק אוּן פֶּעק פוּן יְשׁוּעוֹת אוּן רְפוּאוֹת, אוּן הָאבְּן אַן אֱמֶת'עֶ גוּטֶע יָאר.

אַוַודַאי אִיז עֶס נִישְׁט גְרִינְג. עֶס אִיז בִּכְלַל נִישְׁט אַזוֹי גֶעשְׁמַאק צוּ בְּלַייבְּן אַלֵיין אִינְדֶערְהֵיים מִיט דִי קִינְדֶער אוֹיף יוֹם טוֹב. וֶוען מֶען טְרַאכְט אָבֶּער אַבִּיסְל אַרַיין, זֶעט מֶען אַז עֶס אִיז אַסַאךְ שְׁוֶוערֶער זִיךְ צוּ מוּטְשֶׁען דִי גַאנְצֶע יָאר מִיט פְּרָאבְּלֶעמֶען.

וֶוען אַ פְּרוֹי זָאל וֶוען וִויסְן אַז דִי גַאנְצֶע פַּרְנָסָה ווָאס זִי וֶועט הָאבְּן דִי קוּמֶענְדִיגֶע יָאר גֵייט מֶען אָנְשְׁרַייבְּן אוּם רֹאשׁ הַשָּׁנָה, ווָאלְט זִי דֶען גֶעקוּקְט אוֹיף חַבֶר'טֶעס וֶועלְכֶע וֶועלְן אֶפְשָׁר קְרִימֶען מִיט דִי נָאז אַז אִיר מַאן אִיז גֶעפָארְן אוֹיף אוּמַאן? מִיט ווָאס וֶועט אִיר דִי חַבֶר'טֶע הֶעלְפְן וֶוען זִי וֶועט זִיךְ מוּטְשֶׁען מִיט פַּרְנָסָה? זִי וֶועט אִיר נָאר קֶענֶען צוּשָׁאקְלְן דִי קָאפּ מִיט רַחֲמָנוּת. אָבֶּער אַז אִיר מַאן וֶועט פָארְן אוֹיף אוּמַאן, וֶועט עֶר אַהֵיימְבְּרֶענְגֶען פַּרְנָסָה פַאר דִי גַאנְצֶע יָאר.

אוּן וֶוער רֶעדְט נָאךְ פוּן דִי גֶעזוּנְט פוּן דִי קִינְדֶער, פוּן דִי נַחַת פוּן דִי קִינְדֶער, דָאס אַלֶעס וֶוערְט דָאךְ אָנְגֶעשְׁרִיבְּן אוּם רֹאשׁ הַשָּׁנָה. עֶס אִיז טַאקֶע נִישְׁט גְרִינְג זִיךְ צוּ דַארְפְן אַלֵיין אַן עֵצָה גֶעבְּן מִיט דִי קִינְדֶער אִין דִי פָּאר טֶעג ווָאס דֶער מַאן פָארְט אוֹיף אוּמַאן. אָבֶּער עֶס אִיז פִיל גְרִינְגֶער ווִי זִיךְ צוּ מוּטְשֶׁען מִיט דִי קִינְדֶער דִי גַאנְצֶע יָאר.

אַז דִי מֶענֶער פָארְן אוֹיף אוּמַאן, וֶועלְן זֵיי אוֹיךְ אוֹיסְ'פּוֹעֶלְ'ן צוּ הָאבְּן שָׁלוֹם בַּיִת דִי גַאנְצֶע יָאר. אִין דִי וֶועלְט אִיז אַיינְגֶעפִירְט אַז דֶער מַאן פָארְט אַמָאל אַוֶועק פַאר אַ וָואךְ צְוֵויי אוֹיף וַואקַאצְיֶע אָן דִי וַוייבּ, עֶר פָארְט בְּלוֹיז מִיט זַיינֶע חֲבֵרִים. אוּן דֶערְנָאךְ פָארְט דִי וַוייבּ אַוֶועק וַואקַאצְיֶע מִיט אִירֶע חַבֶר'טֶעס. דֶער רֶבִּי הָאט אָבֶּער אַנְדֶערְשׁ גֶעלֶערְנְט. דֶער רֶבִּי לֶערְנְט אוּנְז אַז אַ מַאן זָאל נָאר פַארְבְּרֶענְגֶען מִיט זַיין וַוייבּ, אוֹיבּ פָארְט מֶען אוֹיף וַואקַאצְיֶע זָאל מֶען פָארְן מִיט דִי וַוייבּ. דֶער רֶבִּי לֶערְנְט אוּנְז שָׁלוֹם בַּיִת, אַז מֶען זָאל זִיךְ פַארְשְׁטֵיין מִיט דִי מֶענֶער. אוּן דֶערִיבֶּער אַז דֶער רֶבִּי הָאט

<<<<<<

<<<<< מוֹהֲרַא"שׁ דֶערְצֵיילְט

גֶעבֶּעטְן אַז מֶען זָאל קוּמֶען צוּ אִים אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, וֶועט עֶר זִיכֶער עֶרְלֶעדִיגְן אַז מֶען זָאל טַאקֶע הָאבְּן אַ גוּטֶע שָׁלוֹם בַּיִת דִי גַאנְצֶע יָאר, אַז עֶס זָאל הֶערְשְׁן שָׁלוֹם אוּן הַארְמָאנְיֶע שְׁטֶענְדִיג אִינְדֶערְהֵיים.

## אוּמַאן אִין דִי צֵייטוּנְגֶען

אִין דִי צֵייטוּנְגֶען אוּן אִין דִי פּוּבְּלִיקַאצְיֶעס, וֶוערְט אוּמַאן אַרָאפְּגֶעמָאלְן אַלְס אַ פְּלַאץ פוּן מְשׁוּגָעִים. נָאךְ רֹאשׁ הַשָּׁנָה וֶועלְן זֵיי אֵייבִּיג בְּרֶענְגֶען בִּילְדֶער פוּן מָאדְנֶע מֶענְטְשְׁן אִין אוּמַאן. דִי סִיבָּה דֶערְצוּ אִיז וַוייל עֶס אִיז דָאךְ נִישְׁט אִינְטֶערֶעסַאנְט צוּ בְּרֶענְגֶען בִּילְדֶער וִוי אַ אִיד שְׁטֵייט בַּיים הֵיילִיגְן צִיּוּן אוּן גִיסְט זִיךְ אוֹיס דָאס הַארְץ פַאר'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶס אִיז נִישְׁט אִינְטֶערֶעסַאנְט צוּ בְּרֶענְגֶען אַ בִּילְד וִוי אַ אִיד זִיצְט אוּן רֶעדְט צוּם רֶבִּי'ן אוּן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן עֶר בֶּעט זִיךְ אוֹיס אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר. דֶערִיבֶּער זוּכְן זֵיי דַוְקָא צוּ בְּרֶענְגֶען אַלֶע סָארְט מָאדְנֶע בִּילְדֶער.

דָאס אִיז אָבֶּער זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶע אַחְרָיוּת, וַוייל דָאס מַאכְט לֵיידֶער אַ שְׁלֶעכְטֶע נָאמֶען אוֹיפְ'ן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן. מֶענְטְשְׁן הוֹיבְּן אָן מוֹרָא צוּ הָאבְּן צוּ שִׁיקְן זֵייעֶרֶע קִינְדֶער אוֹיף אוּמַאן, פְּרוּוְוען הָאבְּן מוֹרָא צוּ שִׁיקְן זֵייעֶרֶע מֶענֶער אוֹיף אוּמַאן. אוּן דָאס אַלֶעס גֵייט אוֹיפְ'ן חֶשְׁבּוֹן פוּן דִי אוּמְפַארַאנְטְוָוארְטְלִיכֶע רֶעדַאקְטָארְן.

אֵיינֶער וָואס אִיז שׁוֹין אָבֶּער אַמָאל גֶעוֶוען אִין אוּמַאן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, וֵוייסְט דֶעם אֱמֶת וָואס דָארְט גֵייט פָאר. אִידְן קוּמֶען זִיךְ צוּזַאם פוּן אִיבֶּער דִי גַאנְצֶע וֶועלְט, אוּן יֶעדֶער קוּמְט נָאר מִיט אֵיין צִיל צוּ וֶוערְן נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַוֶועק צוּ וַוארְפְן אַלֶע שְׁלֶעכְטֶע זַאכְן פוּן בִּיז יֶעצְט, אוּן זִיךְ פָארְנֶעמֶען צוּ זַיין ווָאוֹיל אוּן עֶרְלִיךְ פוּן יֶעצְט אוּן וַוייטֶער אוּן זִיךְ אוֹיסְצוּבֶּעטְן אַ גוּטֶע גֶעבֶּענְטְשְׁטֶע יָאר.

אַוַדַאי אַז עֶס קוּמֶען זִיךְ צוּזַאם אַזוֹיפִיל אִידְן, עֶס קוּמֶען זִיךְ צוּזַאם אִידְן פוּן יֶעדְן עֶק וֶועלְט, פוּן אַלֶע סָארְט שִׁיכְטְן אוּן קְרֵייזְן, זֶעט עֶס אוֹיס אִינְטֶערֶעסַאנְט. אָבֶּער דִי אַלֶע אִידְן הָאבְּן אִין זִיךְ אַ הֵיילִיגֶע נְשָׁמָה, אוּן זֵיי דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן יֶעדֶער אוֹיף זַיין שְׁטֵייגֶער.

אוּמַאן אִיז אַזוֹי וִוי אַ שְׁפִּיטָאל. עֶס קוּמֶען זִיךְ הֵיילְן אַלֶע סָארְט מֶענְטְשְׁן. יֶעדֶער קוּמְט פַאר זַיין צְוֶועק אוּן מֶען קֶען קֵיינֶעם נִישְׁט אַוֶועק מַאכְן. דָאס אִיז אַזוֹי וִוי אֵיינֶער הָאט אַ קְלֵיינֶעם גֶעזוּנְט פְּרָאבְּלֶעם אוּן עֶר גֵייט זִיךְ הֵיילְן אִין שְׁפִּיטָאל, אָבֶּער אָנְקוּמֶענְדִיג דָארְט זֶעט עֶר וִוי טֵייל מֶענְטְשְׁן לִיגְן מִיט אִינְטֶערְווִינֶעס, טֵייל זֶענֶען צוּגֶעבִּינְדֶען צוּ פַארְשִׁידֶענֶע סָארְט שְׁרֶעקֶעדִיגֶע מַאשִׁינֶען, אֵיינֶער אִיז פַארְבִּינְדֶען אַן אוֹיג, אַ צְוֵוייטֶער דַארְף הָאבְּן הִילְף צוּ גֵיין. אוּן דֶער מֶענְטְשׁ וֶוערְט בְּרוֹגֶז אוּן עֶר וִויל נָאר אַרוֹיסְלוֹיפְן פוּן שְׁפִּיטָאל. דָאס אִיז אָבֶּער זֵייעֶר נַארִישׁ, דוּ בִּיזְט טַאקֶע גֶעקוּמֶען זִיךְ הֵיילְן פַאר דַיין קְלֵיינֶע פְּרָאבְּלֶעם, אָבֶּער עֶס זֶענֶען דָא אַנְדֶערֶע וָואס זֶענֶען גֶעקוּמֶען זִיךְ הֵיילְן פַאר גְרֶעסֶערֶע אוּן אַנְדֶערֶע סָארְט פְּרָאבְּלֶעמֶען, אוּן יֶעדֶער וֶוערְט גֶעהֵיילְט אוֹיף זַיין אֵייגְנַארְטִיגֶע וֶועג.

אַ קְלוּגֶער מֶענְטְשׁ וֵוייסְט אַז עֶר הָאט גָארְנִישְׁט מִיט אַ צְוֵוייטְן. עֶר אִיז גֶעקוּמֶען זִיךְ הֵיילְן, אוּן נָאר אוֹיף דֶעם דַארְף עֶר זִיךְ קָאנְצֶעטְרִירְן. וֶוען אַ קְלוּגֶער אִיד גֵייט אוֹיף אוּמַאן, קוּקְט עֶר נִישְׁט אוֹיף קֵיינֶעם נָאר אוֹיף זִיךְ אַלֵיין אוּן עֶר נוּצְט אוֹיס דִי צַייט זִיךְ אוֹיסְצוּבֶּעטְן אַלֶעס גוּטְס.

וֶוען עֶס קוּמְט יֶעצְט דֶער הֵיילִיגֶער יוֹם טוֹב רֹאשׁ הַשָּׁנָה וֶועט אַ פְּרוֹי מְחַזֵק זַיין אוּן שְׁטַארְקְן אִיר מַאן אַז עֶר זָאל פָארְן אוֹיף אוּמַאן אוּן אַהֵיים בְּרֶענְגֶען אַלֶע גוּטֶע בְּרָכוֹת אוּן יְשׁוּעוֹת. אַ ווָאוֹילֶע פְּרוֹי וֶועט שֵׁיין אַיינְפַּאקְן אַלֶע גוּטֶע זַאכְן אוֹיף יוֹם טוֹב פַאר אִיר מַאן, אוּן זִי וֶועט אִים אוֹיךְ מִיטְגֶעבְּן אַ צֶעטְל מִיט אַלֶע בַּקָשׁוֹת, אַ לִיסְטֶע פוּן אַלֶע זַאכְן אִין וָואס זִי נוֹיטִיגְט זִיךְ, אוּן אִים אָנְזָאגְן אַז דֶעם צֶעטְל זָאל עֶר מִיטְנֶעמֶען צוּם הֵיילִיגְן צִיּוּן, אוּן זִיךְ נִישְׁט אַוֶועקְרִירְן פוּן דָארְט אֵיידֶער עֶר הָאט אוֹיסְגֶע'פּוֹעֶל'ט דִי אַלֶע יְשׁוּעוֹת.



### שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת בְּרֶסְלֶב

# טְרוֹיעֶרִיג, אָדֶער אַ צֶעבְּרָאכְן הַארְץ?

*שְׁאֵלָה:*

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר אַלֶע מוֹרָא'דִיגֶע חִיזוּק, דִי שִׁיעוּרִים אוּן בְּרִיוו וָואס גֶעבְּן אַזוֹיפִיל חִיזוּק אוּן לֶערְנֶען אוֹיס אַזוֹיפִיל שֵׂכֶל פַאר יֶעדֶע זַאךְ אִין לֶעבְּן.

אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט פְרֶעגְן וִוי אַזוֹי מֶען וֵוייסְט דִי חִילוּק צְוִוישְׁן זַיין טְרוֹיעֶרִיג אוּן הָאבְּן אַ צֶעבְּרָאכֶענֶע הַארְץ. וַוייל זַיין טְרוֹיעֶרִיג טָאר מֶען נִישְׁט, אוּן אַ צֶעבְּרָאכְן הַארְץ אִיז זֵייעֶר טֵייעֶר בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אֵיידֶער אִיךְ בִּין גֶעוָוארְן מְקוֹרָב הָאבּ אִיךְ גֶעמֵיינְט אַז זַיין טְרוֹיעֶרִיג אִיז אַ גוּטֶע זַאךְ, וַוייל וֶוען אִיךְ בִּין אַלֵיין בִּין אִיךְ מֶער עֶרְנְסְט אוּן אִיךְ פִיל מִיךְ נֶענְטֶער צוּם בַּאשֶׁעפֶער. אִיךְ פְלֶעג אַסַאךְ וֵויינֶען, אִיךְ וֵוייס אֲפִילוּ נִישְׁט פּוּנְקְטְלִיךְ פַארְוָואס, אָבֶּער אִיךְ הָאבּ גֶעפִילְט נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. זַייט אִיךְ בִּין מְקוֹרָב גֶעוָוארְן בָּרוּךְ ה', טוּ אִיךְ דָאס שׁוֹין נִישְׁט. אָבֶּער אִין דִי לֶעצְטֶע פָּאר טֶעג בִּין אִיךְ גֶעוֶוען זֵייעֶר צֶעבְּרָאכְן וֶועגְן אַפָּאר סִיבּוֹת וָואס דְרוּקְן מִיר אוֹיפְ'ן הַארְץ, אֵיינְס פוּן זֵיי אַז אִיךְ דַארְף שׁוֹין מַיין שִׁידוּךְ, אוּן אִיךְ בִּין אַ גַאנְצֶע צַייט גֶעוֶוען מֶער שְׁטִיל, קוֹים גֶעשְׁמֵייכְלְט, אוּן בַּיינַאכְט הָאבּ אִיךְ גֶעמַאכְט הִתְבּוֹדְדוּת אוּן אוֹיסְגֶעפְּלַאצְט אִין אַ גֶעוֵויין, וָואס גֶעוֶוענְלִיךְ אִיז מִיר זֵייעֶר שְׁוֶוער זִיךְ אוֹיסְצוּרֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, שׁוֹין אָפְּגֶערֶעדְט פוּן וֵויינֶען.

אִיךְ בִּין זֵייעֶר צוּמִישְׁט וַוייל אִיךְ פִיל זִיךְ אַסַאךְ נֶענְטֶער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִין אַזַא מַצָּב, אָבֶּער פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט וֵוייס אִיךְ אַז עֶס אִיז נִישְׁט גוּט צוּ זַיין טְרוֹיעֶרִיג, אוּן דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א זָאגְט נָאךְ פוּן מוֹהֲרָא"שׁ אַז וֶוער אִיז פְרֵיילִיךְ אִיז בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן נִישְׁט וֶוער עֶס אִיז טְרוֹיעֶרִיג. אִיךְ וֶועל מִיךְ זֵייעֶר פְרֵייעֶן אוֹיבּ דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה קֶען דָאס אוֹיסְקְלָארְן וַוייל דָאס אַלֵיין מַאכְט מִיר נָאךְ שְׁוֶוערֶער אוֹיפְ'ן הַארְץ אוּן אִיךְ וִויל וִויסְן וִוי אַזוֹי מֶען וֵוייסְט אוֹיבּ מֶען הָאט אַ צֶעבְּרָאכֶענֶע הַארְץ אָדֶער אִיז מֶען בְּעַצְבוּת.

יְיַשֵׁר כֹּחַ

*תְּשׁוּבָה:*

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ

יוֹם ה' פַּרְשַׁת כִּי תֵצֵא, ז' אֱלוּל, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

דֶערְבִּיטֶערְט אוּן צֶעבְּרָאכְן אִיז צְוֵויי זַאכְן, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן מא): **"לֵב נִשְׁבָּר וְעַצְבוּת אֵינוֹ עִנְיָן אֶחָד כְּלָל"**, אַ צֶעבְּרָאכְן הַארְץ אוּן אַ דֶערְבִּיטֶערְטֶער - אִיז נִישְׁט דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ, **"כִּי לֵב נִשְׁבָּר הוּא בַּלֵּב"**, אַ צֶעבְּרָאכֶענֶע הַארְץ אִיז בַּיים הַארְץ, **"אֲבָל עַצְבוּת הוּא בָּא מִן הַטְּחוֹל"**, אָבֶּער דֶערְבִּיטֶערְטְקֵייט אִיז פוּן דִי מִילְץ, **"וְעַצְבוּת שֶׁהוּא מֵהַטְּחוֹל, הִיא סִטְרָא אַחֲרָא"**, דֶערְבִּיטֶערְנִישׁ וָואס קוּמְט פוּן דִי מִילְץ אִיז פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט פוּן דִי קְדוּשָּׁה, **"וְהַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא שׂוֹנֵא אוֹתָהּ"**, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט פַיינְט עַצְבוּת אוּן מָרָה שְׁחוֹרָה; וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז בְּעַצְבוּת הָאט עֶר נִישְׁט צוּטוּן מִיט קְדוּשָּׁה אוּן דָאס בְּרֶענְגְט אִים צוּ דִי עֶרְגְסְטֶע עֲבֵירוֹת.

וִוי קֶען מֶען וִויסְן אוֹיבּ מֶען אִיז בַּיי אַ צֶעבְּרָאכֶענֶע הַארְץ אָדֶער אִיז מֶען דֶעפְּרֶעסְט? אַ צֶעבְּרָאכְן הַארְץ אִיז נִישְׁט בְּרוֹגֶז אוֹיף קֵיינֶעם, מַה שֶׁאֵין כֵּן אַ דֶעפְּרֶעסְטֶער מֶענְטְשׁ אִיז בְּרוֹגֶז אוֹיף יֶעדְן אֵיינֶעם. מֶען הָאט אַמָאל גֶעפְרֶעגְט דֶעם רֶבִּי'ן (שָׁם סִימָן מב; רלא): "וָואס אִיז דֶער חִילוּק פוּן אַ צֶעבְּרָאכְן הַארְץ אוּן עַצְבוּת?" הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט: "וֶוען מֶען אִיז בְּעַצְבוּת אוּן בְּמָרָה שְׁחוֹרָה אִיז מֶען בְּרוֹגֶז אוֹיפְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען אִיז בְּרוֹגֶז אוֹיף אַלֶעמֶען, אָבֶּער וֶוען מֶען אִיז צֶעבְּרָאכְן אִיז מֶען נִישְׁט בְּרוֹגֶז, נָאר מֶען בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, 'רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם הָאבּ רַחֲמָנוּת אוֹיף מִיר וְכוּ'", אוּן בִּשְׁעַת דֶער רֶבִּי הָאט מִיט זֵיי גֶעשְׁמוּעֶסְט הָאט זִיךְ דֶער רֶבִּי אַוֶועקְגֶעדְרֵייט פוּן זֵיי, עֶר הָאט אוֹיפְגֶעהוֹיבְּן זַיינֶע הֶענְט אוּן זִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ מִתְבּוֹדֵד זַיין: **"רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, הָאבּ רַחֲמָנוּת אוֹיף מִיר"**.

שְׁטַארְק זִיךְ מִיט אַלֶע כּוֹחוֹת צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ, וַוייל דִי נַאטוּר פוּנֶעם מֶענְטְשׁ צִיט צוּ עַצְבוּת וּמָרָה שְׁחוֹרָה, עֶס צִיט צוּ זַיין טְרוֹיעֶרִיג. דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב', סִימָן כד): **"כִּי טֶבַע הָאָדָם לִמְשׁוֹךְ עַצְמוֹ לְמָרָה שְׁחֹרָה וְעַצְבוּת מֵחֲמַת פִּגְעֵי וּמִקְרֵי הַזְּמַן, וְכָל אָדָם מָלֵא יִסּוּרִים"**, יֶעדֶער אֵיינֶער הָאט זִיךְ זַיינֶע שְׁוֶועריִקְייטְן אִין לֶעבְּן וָואס מַאכְט אִים דֶערְבִּיטֶערְט אוּן צוּגֶעלֵייגְט, **"עַל כֵּן צָרִיךְ לְהַכְרִיחַ אֶת עַצְמוֹ בְּכֹחַ גָּדוֹל לִהְיוֹת בְּשִׂמְחָה תָּמִיד, וּלְשַׂמֵּחַ אֶת עַצְמוֹ בְּכָל אֲשֶׁר יוּכַל וַאֲפִילוּ בְּמִלֵּי דִשְׁטוּתָא"**, דֶערְפַאר דַארְף אַ מֶענְטְשׁ פְּרוּבִּירְן מִיט אַלֶע זַיינֶע כּוֹחוֹת צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ; מֶען דַארְף זִיךְ פְרֵיילִיךְ מַאכְן מִיט וָואס מֶען קֶען נָאר - אֲפִילוּ מִיט נַארִישְׁקֵייטְן.

מִיט שִׂמְחָה קֶען מֶען קוּמֶען צוּ דִי הֶעכְסְטֶע מַדְרֵיגָה, אוּן דוּרְךְ שִׂמְחָה קֶען מֶען תְּשׁוּבָה טוּן מִיט אַן אֱמֶת. מוֹהֲרָא"שׁ זָאגְט, דָאס אִיז דֶער סִימָן זִיךְ צוּ מֶעסְטְן אוֹיבּ מֶען אִיז בַּיי דִי קְדוּשָּׁה אָדֶער בַּיי דִי טוּמְאָה חַס וְשָׁלוֹם, מֶען זָאל קוּקְן אוֹיבּ מֶען אִיז פְרֵיילִיךְ; וַוייל שִׂמְחָה פַארְבְּרֶענְט אַלֶע קְלִיפּוֹת, דֶער וָואס אִיז פְרֵיילִיךְ - דֶער אִיז בַּיי דִי קְדוּשָּׁה, דָאס אִיז אַ סִימָן פוּן תְּשׁוּבָה, אוּן חַס וְשָׁלוֹם אַז מֶען אִיז בְּעַצְבוּת וּמָרָה שְׁחוֹרָה - אִיז מֶען בַּיי דִי סִטְרָא אַחְרָא אוּן מֶען דַארְף שְׁנֶעל תְּשׁוּבָה טוּן, וַוייל זֵייעֶר גַאנְצֶער זַאךְ אִיז עַצְבוּת וּמָרָה שְׁחוֹרָה. אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (יְשַׁעְ' סה, כה): "וְנָחָשׁ עָפָר לַחְמוֹ", עָפָר דָאס אִיז עַצְבוּת וְעַצְלוּת, וָואס דָאס קוּמְט פוּנֶעם יְסוֹד הֶעָפָר (עַיֵּין לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן קפט).

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.**

**אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.**

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה תֵּצֵא תשפ"ג)

BreslevCenter.com\answers

## נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק'

# אפדעיטס איבער די טשארטער נסיעה קיין אומאן ראש השנה תשפ"ד

### באריכט דורך מו"ה אלי קנאל הי"ו, און מו"ה ישראל עלעק הי"ו

**"פלען איט רייט" - 845-678-3555**

שטייענדיג בלויז עטליכע טעג צום אויסגעווארטענע נסיעה צום הייליגן רבי'ן אין אומאן אויף ראש השנה תשפ"ד, ווילן מיר אייך מיטטיילן די לעצטע אפדעיטס פון די "פלען איט רייט" טשארטער און באן נסיעה, ווי אזוי זאכן האבן זיך אויסגעארבעט בסייעתא דשמיא.

פארשטייט זיך אז צום אלעמען ערשט דארף מען נאך אסאך תפלות אז אלעס זאל זיך אויסארבעטן על צד היותר טוב, די נסיעה נעמט אריין זייער אסאך פרטים און פרטי פרטים, מען בעט אנשי שלומינו זאלן מתפלל זיין אז עס זאל זיין א געשמאקע און גרינגע נסיעה, מען זאל פארן בשלום און אהיימקומען בשלום, און פועל'ן אלעס גוטס.

מיט'ן אויבערשטנ'ס הילף וועט זיך די ערשטע טשארטער הייבן פון קענעדי לופטפעלד (JFK) אום 10:20 ביינאכט, מאכט זיכער מיטצוברענגען דעם פאספארט, און זיין אין עירפארט כאטש 3 שעה פאר'ן פלייט, דאס הייסט אום 7:15 אזייגער. אין עירפארט ווען אייך די אגענטן פון פלען איט רייט אפווארטן ביי טערמינאל 7, זיי וועלן שטיין גרייט אייך צו העלפן אדער ענטפערן סיי וועלכע פראגעס. מיט'ן אויבערשטנ'ס הילף וועט דער טשארטער פליגער אנטהאלטן בלויז מענער, און וועט זיין צוגעשטעלט בעז"ה מיט אלעם גוטן ברוחניות ובגשמיות, און במשך דעם פלייט וועט מען סערווירן היימישע געשמאקע מאכלים, און מען וועט דאווענען שחרית און סערווירן א רייכע פת שחרית דערנאך. מען האפט צו לאנדן אין ריישע (RZE) לופטפעלד אום איינס אזייגער, וואו באסעס וועלן אפווארטן דעם ציבור צו פארן צום שטאט ליזענסק, וואו עס געפונט דער ציון הקדוש פון הייליגן רבי רבי אלימלך זי"ע. אין ליזענסק וועט זיין צוגעשטעלט א מקוה (מיט שויערס), וואו מען וועט זיך מטהר זיין בעפאר מען גייט ארויף צום הייליגן ציון, אויך וועט מען דארט עסן א געשמאקע מאלצייט, און דערנאך וועט יעדער באקומען א בעט אין אן האטעל וואו מען וועט זיך קענען אפרוען פאר עטליכע שעה צו האבן כח פאר די צווייטע העלפט פון די נסיעה.

אזוי ווי די טשארטער טרעין האט זיך נישט אויסגעארבעט, צוליב וואס די פוילישע רעגירונג האט געסקעדזשולט קאנסטראקשן ארבעט אויף די באן שינעס פאר די צייט, האט מען אבער ב"ה באוויזן צו שאפן דעם עלף אזייגער ביינאכט באן, מיט וואס מען וועט פארן קיין ווינניצע. צען אזייגער ביינאכט וועט מען זיך ארויסלאזן מיט באסעס צום באן סטאנציע קיין פשעמישל, מיט וואס מען וועט בעז"ה פארן ביז ווינניצע. אויף די באן וועט אזוי ווי פאריאר זיין צוגעשטעלט היימיש און געשמאק צו עסן און אלע אנדערע געברויכן. מען האפט בעז"ה אנצוקומען קיין אומאן מיטוואך אינדערפרי אום 9:00 אזייגער.

עטליכע הערות איבער די נסיעה וואס איז כדאי צו באמערקן: 1) די ערשטע פליגער (מאנטאג) פארט בעז"ה ארויס פון (JFK), אבער די צווייטע פליגער פון דינסטאג וועט ארויספארן פון נוארק (EWR). 2)ביידע פליגערס וועלן בעז"ה אנקומען אויף די וועג צוריק צום גדלי' צום נוארק עירפארט (EWR). 3) די טשארטער פלייטס זענען שוין כמעט פול, מאנטאג איז נאך דא עטליכע זיצן אויף ביזנעס קלאס, און דינסטאג איז נאך דא עטליכע זיצן. 4) די באן רייזעס וואס ווערן דא דערמאנט ווערן נאר צוגעשטעלט פאר די וואס האבן גענומען די טשארטער פלייט. אויסער דעם איז נישטא נאך פלאץ אויפ'ן באן. 5) מען קען יא באשטעלן א באן נאר אויפ'ן וועג צוריק וואס וועט צושטעלן א באן צום גדליה אינדערפרי קיין קראקא. אין דעם איז אריינגערעכעט א באס פון אומאן קיין ווינציע, און דערנאך א באן ביז פשעמישל, און פון דארט א באס ביז'ן האטעל אין קראקא, און א בעט צו קענען איבערשלאפן ביז קומענדיגע אינדערפרי, נאכטמאל און פרישטאג. דאס אלעס פאר'ן פרייז פון $450. 6) עס זענען נאך דא עטליכע אפציעס פון טיקעטס עוועליבל, סיי גרופ טיקעטס און סיי אינדיווידועלע טיקעטס צו עטליכע לופטפעלדער אין די מדינות ארום אוקריינא.

ווער עס ווילן באשטעלן איינע פון די סערוויסעס זאל שוין רופן פלען איט רייט אויף 845-678-3555 וואו די העפליכע אגענטן וועלן אייך טרעפן בעז"ה די בעסטע אפציע לויט אייער בודזשעט און געברויך.

**ה' ישמור צאתינו ובואינו לחיים לשמחה ולשלום!**

***

# מיטנעמען א פעקל ספרים קיין אומאן

ווי עס איז שוין איינגעפירט פאר לאנגע יארן, פירן זיך אנשי שלומינו מיטצונעמען א פעקל ספרים און קונטרסים, פאר די מפיצים אין אומאן, עס צו פארשפרייטן פאר אידישע קינדער, מקרב צו זיין אידן צום אייבערשטן.

אין א בריוו די וואך שרייבט דער ראש ישיבה שליט"א, "איך וויל דיר בעטן אויב דו קענסט מיטנעמען ספרים פאר די מפיצים, עס איז א גרויסע זכות צו העלפן די מפיצים, אויך איז דאס א סגולה אז די פעקלעך זאלן אנקומען. אז דו קענסט קומען מוצאי שבת א' סליחות נעמען א זעקל ספרים און דאס ברענגען אין אונזער בנין און דאס מיר איבערגעבן".

## חיזוק צום טיר

**איר קענט באקומען אלע ספרי ברסלב, קונטרסים, "עצתו אמונה", דרשות, ניגונים, סידי'ס, USB'ס, SD'ס, און נאך; דעליווערט צו אייער טיר!**

רופט אריין מיט אייער פארלאנג צו

**347-509-4908**

**און מיר וועלן פרובירן בעז"ה עס צו שיקן צו אייך אהיים**

## ימים נוראים

**שיעורים, דרשות, לימודים, נוסח, און נאך, זיך צוצוגרייטן מיט די ריכטיגע הכנה צו די הייליגע טעג וואס שטייען שוין ביים שוועל**

**קול ברסלב**

**212-444-9191**

**1, 1, 9, 1**

## צידה לדרך

נעמט מיט א פעקל ספרים און קונטרסים פאר די מפיצים אין אומאן. א סגולה פאר שמירה והצלחה אויפ'ן וועג.

## ביהמ"ד היכל הקודש ברסלב

**נתייסדה ע"י כ"ק מוהרא"ש זי"ע - בנשיאות ראש הישיבה שליט"א**

# זמן אמירת סליחות

## מוצאי שב"ק פ' נצבים וילך

בשעה 1:00

## ביהמ"ד "היכל הקודש" ברסלב

בליצרקובסקיה 28 - אומאן

# זמנים לראש השנה תשפ"ד

## ערב ראש השנה

סליחות ליל זכור ברית..................1:00

פדיון נפש נאך סליחות

שחרית ערב ראש השנה...............8:00

פדיון נפש נאך שחרית

## ראש השנה

זמן הדלקת הנרות.........................6:50

מנחה.................בזמן הדלקת הנרות

שחריתביידע טעג.........................8:00

תקיעת שופר דרשה צווייטע טאג...12:00

תשליך צווייטע טאג........................5:00

מנחה ביידע טעג............................6:30

דרשה ביידע טעג...........................7:00

זמן מוצאי יו"ט..............................8:21

## סימן טוב ומזל טוב

החתן **מרדכי לייב טירנויער** הי"ו

צו זיין שמחה למזל טוב עב"ג

***

החתן **אברהם פוקס** הי"ו

צו זיין שמחה למזל טוב עב"ג

***

החתן **יוסי זינגער** הי"ו

צו זיין שמחה למזל טוב עב"ג

בת מו"ה **וואלף שטערן** הי"ו

***

מו"ה **יודא לייב ווייס** הי"ו

צו די געבורט פון א מיידל למזל טוב

***

מו"ה **יהושע העשיל דובדבני** הי"ו

צו די געבורט פון א אינגל למזל טוב


**קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; מעשיות פון תפלה; און נאך**

845-351-0910 / 212-444-9191

ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361 / קאנאדא 438-300-8080

בעלגיע 3235003461 / ארגענטינא 1152354370

צו באקומען דעם גליון אויף אימעיל **breslevcenter@gmail.com**

**קוואל פון חיזוק (פרויען) - שיעורים; מעשיות פון תפלה; רעסעפיס; און נאך**

845-351-9060 /212-444-9169

ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363/ קאנאדא 438-320-9090

בעלגיע 3235003462 / ארגענטינא 1152354380

חיזוק יומי אימעיל **chizikyomi@gmail.com**/ טעלעפאן מעסידזשינג **347-630-2876**

< BreslevCenter.com >